# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 4 • מאנטאג, כ"ב חשון תשפ"ז • 2טן נאוועמבער 2026 • די וואך פון פרשת חיי שרה

הַנֹּתֵן שֶׁלֶג כַּצָּמֶר כְּפוֹר כָּאֵפֶר יְפַזֵּר

תהלים קמ"ז, ט"ז



### אין דעם נומער

**דער ערשטער שניי**
נאטורליך געווען • פעליעטאן

**בין חיים למוות**
jewboy • איבערלעבונגען

**זאלץ אויף שניי**
זאלצוואסער • הומאר

**עס דרייט זיך א וועלט**
דיכטער • וויסנשאפט

**דאס לעבן פון אמאל**
דולה ומשקה • היסטאריע

**ווינטער צי זומער?**
א שמועס פון קאווע שטיבל

ארכיוו

נומער 4 • מאנטאג, כ"ב חשון תשפ"ז
2טן נאוועמבער 2026 • די וואך פון פרשת חיי שרה

הקדמה

# ווען דער ווינטער קלאפט אן

א גוטן מאנטאג, טייערע לייענער!

נעכטן האט מען אין אמעריקע צוריקגעדרייט די זייגערס (אין אייראפע א וואך פריער), און מיט אמאל ווערט פינצטער גלייך נאך מנחה. דער ווינטער קלאפט אן אין טיר, און דערפאר האט דער צווייטער וועלטליכער נומער פון „ארכיוו" א פאסיגע טעמע: ווינטער.

מיר הייבן אן מיט אן אלטן בלאג פון וויליאמסבורג: פעברואר 2007, דער ערשטער שניי פאלט ענדליך, און דער שרייבער פון „נאטורליך געערדט" גייט ארום מיט אן אפן אויג. דערנאך ערקלערט „דיכטער" פארוואס עס איז קאלט אין ווינטער, כאטש די וועלט איז דעמאלט דווקא נענטער צו דער זון. „jewboy" פארט פון מאנטריאל אהיים אויף א פארשנייטן הייוועי, און די נסיעה ווערט א מעשה פון בין חיים למוות. „דולה ומשקה" פירט אונז צוריק אין א שטעטל פון אמאל, מיטן אויוון, דעם ברונעם און די שליטנס.

אויף קאווע שטיבל פרעגט מען די אייביגע שאלה: וואס איז בעסער, ווינטער צי זומער? „מאטי" האט איבערגעזעצט אויף אידיש ביאליק'ס ליד „אל הציפור", און „זאלצוואסער" ערקלערט אויף זיין אופן פארוואס מען שיט זאלץ אויף שניי. דערצו: פערל פון די ארכיוון, „היינט מיט . . . יאר צוריק" (דער ניו יארקער מאראטאן נאך „סענדי", און נח'ס תיבה), און די תגובה פון דער וואך – פון כעלעם.

אלע שטיקער זענען אויסגעקליבן פון די ארכיוון און מגיה געווען לויט די כללים פון אויסלייג און גראמאטיק. דער טעקסט איז געבליבן ווי די שרייבער האבן אים געשריבן, אויסער די תיקונים וואס די כללים פאדערן; וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט [פארקירצט]. א ווארעמען ווינטער!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| פעליעטאן | דער ערשטער שניי • נאטורליך געערדט | 3 |
| וויסנשאפט | עס דרייט זיך א וועלט • דיכטער, מתתיהו, ים של שלום | 5 |
| איבערלעבונגען | בין חיים למוות • jewboy | 7 |
| היסטאריע | דאס לעבן פון אמאל • דולה ומשקה | 9 |
| א שמועס פון דער וואך | וואס איז בעסער, ווינטער צי זומער? • שמעקעדיג, זר זהב, zurich און אנדערע | 11 |
| קולטור • פאעזיע | „אל הציפור" אויף אידיש • מאטי | 15 |
| הומאר | זאלץ אויף שניי • זאלצוואסער | 17 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 18 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 20 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • מומחה | 23 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 24 |

פעליעטאן

# דער ערשטער שניי

פעברואר 2007: דער ערשטער שניי פאלט ענדליך אין וויליאמסבורג, און א בלאגער באשרייבט ווי די שטאט ווערט אויפגעטרייסלט – אין שול, אין די געשעפטן און אויף די גאסן.

פון **נאטורליך גערעדט** • א בלאג פון וויליאמסבורג; דער שרייבער האט זיך נישט אונטערגעשריבן

די ערשטע חסידיש בלאגס • נאטורליך גערעדט • „מיט א געהויבענע שטימונג טיען מיר אויפנעמען דעם אייז קאלטען ג...“ • 16טן פעברואר 2007
https://ershteblogs.sites.tab.bot/natirlich/2007/02/1.html

מיט א געהויבענער שטימונג טיען מיר אויפנעמען דעם אייז קאלטן גליטשיקן שניי וואס האט זיך ענדליך באוויזן צו אונז אין עיר ואם בישראל וויליאמסבורג נוא יארק. ביים אהיים קומען פון ארבייט איז נאך קוים א ברעקעלע שניי געפאלן. יעצט, צען דרייסיג ביינאכט, איז שוין אלעס איגדרויסן איינגעהילט אין ווייסע ליילעך. ווי דער מן אין מדבר שוועבן די שניי ברעקעלעך צווישן הימעל און ערד. מען זעט מער נישט די לעכער אין גאדער און אודאי נישט די פאשקעוויילן פון היינט צופרי אקייגן טאובער'ס קליידער געשעפט. די גרויסע ווייסע פויגעל זענען מער נישט מיוחסים, מען דערקענט נישט היינט א חילוק צווישן דעם ווייסן און שווארצן קאץ ביי אונז אין קעלער. ווער ווייסט צי די קינדער וועלן דערקענען זייערע באסעס מארגן אינדערפרי

> ## ווי דער מן אין מדבר שוועבן די שניי ברעקעלעך צווישן הימעל און ערד.

מיט דער לעצטערער "גלאובעל ווארמינג" עפאכע האט זיך איינעם געקענט דאכטן אז מהיום והלאה וועלן מיר שוין נישט מיזן פארן זיך ווארימען קיין מיאמי. מאנכע האבן אפילו שפעקולירט צי מען וועט נישט מיזן אינגאנצן אויסוואנדערן פון וויליאמסבורג איבערעס יאר, צוליב וואס אין נוא יארק וועט מער קיין ווינטער נישט האבן, אזש די התאחדות ד'ניוא יארק (און אויך קאנאדע) וועט אסר'ן צו וואוינען דאהי. אוי מי יתן

אז מען דערלעבט דערלעבט מען, נאך א קליינער אבער פריילעכער פארשפעטיגונג האט ג-ט ב"ה באוויזן זיינע ווינדער, זיך ארויף געשארט די ארבעל, א צועפן געטון די שפאַרעס פון גרויען הימעל און א שאט געטון אן עמער מיט ווייסע שניי אויף אלע זייטן, ווי מען ווארפט ארויס פון פענסטער א צולעכערטן קישן און די געגוזעלך צובלאזן און פליען אויף ארבע כנפות הארץ "נו זאלט איר מיך האבן צו געדענקן

איז אז דער ווייסער שניי איז ענדליך ערשינען וועלן מיר אים ענטפאנגען מיט א קאלטן ברוך הבא, און אז ער וועט זיך גיך אפטראגן וועט נאך אים קיינער נישט קלאגן. מארגן וועלן מיר פיצן דעם שניי פון די קאר שויבן, זיך צו קוקן ווי מאנכע גליטשן זיך שיעור אויס און די וואנצעס פון די הייסע חסידים ווערן נאס פונעם נארוואס געפאלענעם שניי

ווילהעלם הארדווער איז שוין גרייט מיט א טוץ שאוולן, אייזערנע און פלאסטיק, עס שטייען שוין גרייט די גרויסע זעק זאלץ מיט דער האפענונג צו ערפילן דעם לאך אין איין טאג, וואס א פארשפעטיגטער שניי האט אנגעמאכט. מארגן וועט ער ווערן באלאגערט מיט קינד און קייט איינצוקויפן פרישע שניי האקער'ס והעיר וויליאמסבורג שמחה

משה'לע טוט זיך מיר אויף, אז דער שניי קומט גאר א דאנק זייער תהלים זאגן. די קינדער אין חדר האבן אסאך איינגעריסן עס זאל שוין קומען א שניי, און א שניי וואס זאל אפהאלטן פון גיין אין חדר כאטש אויף א וואך. נו גיי קריג זיך מיט די הבל פיהם של תשב"ר

ר' בערל אין שול איז שוין היינט צופרי געקומען מיט א בלייך געזיכט און זיינע גרויסע קצב'ישע שטיוועל, טאמער ח"ו דער שניי וועט זיך פעדערן, ער האט אונז געוויזן ווי זיין געטרייע אידענע האט אים אויך איינגעפאקט א גרויסן שניי גאפעל אין דער טאשקע, ער זאל קענען דעם שניי אראפ שארן פון דער קאר אויב עס וועט שנייען דורכן טאג

ר' מעכיל וועט מערצעשעם אויסטרינקען צוויי כוסות קימעל ברוינפן אינדערפרי צו דערהיצן זיינע ביינער, ווי דער שטייגער ווען עפעס אויסטערליש פאסירט ביי אים. א רחמנות אויף זיין שווארצן אויבעראק וואס ווערט פארשמירט פון ווייסע שניי פלעקן. ער הענגט דאס קיינמאל נישט אריין ווי געוועגליכע אידן נאר ער ניצט דאס אלס א רוקן אנליינער ביים דאווענען אין שול.
"מיין טאטע זאל זיך מיען איז מען נאך געגאנגען דערמיט

האט'ס מיר א גיטע נאכט וועלן מיר זענען וואס עס וועט זיך אויסקאכן

די נאכט האב איך זיך ג'חלומ'ט אז איך בין צופרי פון שטוב ארויס און דערזען א שניי וואס איז פינק נישט ווייס. חלומות זענען נאריש - זאגט די באבע שטענדיג

ווי ערווארטעט און פאראויס גערעכטן האט זיך מעכיל דער חזן באוויזן אין שול מיט זיין וואכעדיגן אויבעראק מלא טענות אויפן שניי און גליטש. די הענט פארפאקט אין וואלענעם הענטשער און דערנאך אין ראק טאש. דער גאנצער קערפער זיינער טרייסעלט אים. קוים וואס מען זעט ארויס די שפיץ נאז פון אינטער'ן ברייטן שאל וואס וויקעלט ארום זיינע גרויסע האריגע אויערן, ער זאל ח"ו די שטומע נישט פארלירן. דאן איז ער אויס קאפעליטש מאכער. ווען נישט די גרויסע אויערן וואלט ער ח"ו דערטראנקען געווארן אין זיין קאנאדישער קוטשמע וואס איז אויך פארדעקט אין א קאלירטן פלאסיק

וואס איז דער געלעכטער? פרעגט ער אונז אינגעלייט וואס שמייכלען זיך אינטער איבער דער נארוואס פארענדיגטער קאווע

די רעבעצין תליט"א האט געשיקט אפאר -באס סטאפ ווארטענדע- קינדער זאלן באשפריצן דעם שניי מיט פסח'יגן זאלץ, זי וועט נישט איינשטעלן און ווארטן ביז דער הארדווער וועט עפענען

## ר' ישעי ברוך איז אזוי אנציקט און איבער גענומען פון זיין אפוועזענט אגאנץ ווינטער אז ווען ער קומט אהיים פון מיאמי טוט ער יערליך דעם זעלבן טעות און בענטשט גומל

ביז דערווייל האט זיך א איד וואס איז נארוואס אהיים געקומען פון וואקאציע נעבעך איבער געקוצקעט אויף די ציגעל ביי די טרעפ פון שול, די פיאות האט זיך אים אינגאנצן אויפגעקרייזעלט. א שאד נאר אז דער שניי איז פונקט יעצט געקומען און דער עולם באמערקט שווערליך זיין אפגעברענטן פרצוף. ר' ישעי ברוך איז אזוי אנציקט און איבער גענומען פון זיין אפוועזענט אגאנץ ווינטער אז ווען ער קומט אהיים פון מיאמי טוט ער יערליך דעם זעלבן טעות און בענטשט גומל

אויטא'ס גליטשן מיט קולות און כאפן זיך אדורך רויט לייט'ס אן טראכטן צוויי, באסעס נעמען אויף די קינדער א בלאק אוועק פון שטוב. אפוינטמענט'ס ווערן אפגערופן, קאר סערוויס'עס לאזן זיך באצאלן היינט צוועלף דאללאר א לאקאל, קומען א
האלבע שעה שפעטער און גיבן א טוץ רוסישע קללות, די פאליס טיילן טיקעט'ס רעכטס און לינקס

די געשעפטן זענען ליידיג פון אידענעס וואס זיצן ליבערשט אינטערן הייצונג און טעלעפונען אריין צו מאכן דעם שבת ארדער. באנען שפעטיגן און די ווארטענדע שפרינגען אינטער און בייסן זיך די ציפעדיגע ליפן איבערן "קארטעל" וואס מען וועט היינט נישט קענען אריין פאנטשן אים ניין אזייגער. קינדער האבן א תירוץ צו פארפעלן א גרינעם מיטוואך פון פרשת משפטים. דער הלוך ילך אין וויליאמסבורג איז ווי ערב פורים נאך חצות אבער ביי אונז אין שטוב גייט א פארע פון קיך און די פרוי מיירעט איין המן טאשן, נישט פאר משלוח מנות. היימישע קעיק איז אלד פעישענד פאר שלח מנות. נאר די קינדער קענען נישט מיטראגן א פשוטן קוכן פאר "ריסעס" אין חודש אדר, עס מיז זיין המן טאשן
היי יאר אז פורים איז מוצאי שבת וועלן מיר זיין גיט אויסגערוט צום מגילה לייענען און המן באגראגערן, דאס וועלן מיר לאזן פאר א צווייט מאל בלי"נ

בערך אזוי האבן אויסגעקוקט די ערשטע שניי טראפעלעך אין וויליאמסבורג בשנת ה'תשס"ז לבריאת העולם

ווויסנשאפט

# עס דרייט זיך א וועלט

פארוואס זענען די ווינטער טעג קורץ, און פארוואס איז קאלט ווען די זון איז דווקא נענטער? א לעקציע אין אסטראנאמיע פון אנהויב, מיט די פראגעס און ענטפערס פון די לייענער.

פון **דיכטער, מתתיהו, ים של שלום**

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „עס דרייט זיך א וועלט - אסטראנאמיע“ • 10טן – 16טן יאנואר 2024
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16802.html

**דיכטער** • 10טן יאנואר 2024

עס איז שוין פאהאן אן אשכול איבער דער העכסט-אינטערעסאנטער טעמע געראפן אסטראנאמיע. נעמליך, די נאטור און ארדענונג פון די שטערענס און פלאנטן אינעם הימל. אבער איך וויל פארט עפענען א פרישן אשכול אנהייבענדיג מיט די פונדאמענטן און פארזעצן פון זיי.

אלזא, לאמיר אנהייבן פון אנהויב:

מיר אלע וואוינען אויף א רונדיגע ערד-קוגל (ווי איינפאך עס הערט זיך, זענען פארט פאהאן אזעלכע וואס עס איז זיי שווער צו באגרייפן אזא פאקט, אבער דאך איז דאס די מציאות...) וועלכע הענגט אין דער הוילקייט און דרייט זיך ארום זיך אליין ווי א דריידל. אין דער זעלבער צייט דרייט זיך עס ארום דער זון, ווי א סירקל.

עס נעמט פאר דעם ערד-קוגל צו ענדיגן א גאנצע דריי ארום זיך, בערך 23 שעה 56 מינוט מיט נאך 4 סקונדעס. דאס ווערט אנגערופן א סידעריאל טאג (sidereal day).

נאכדעם וואס די ערד האט געענדיגט א גאנצע סירקל ארום זיך, איז די זון נאכאלץ נישט אויפן זעלבן פלאץ אינעם הימל ווי עס איז געווען פונקט ווען ער האט אנגעהויבן דעם רונדע, דאס איז צוליב דעם וואס דערווייל וואס די ערד האט זיך ארום געדרייט ארום זיך, איז ער אויך אין דער זעלבער צייט ארום געפארן דער זון מיט אביסל, דעריבער ווען עס נעמען פאר דעם ערד-קוגל נאך א קליין שטיקל דריי, נאך בערך 3 מינוט מיט 56 סעקונדעס, ביז ווען די זון ווערט זיין פונקטליך אויפן זעלבן פלאץ אינעם הימל וואו עס איז געווען נעכטן.

קומט אויס אז עס האט גענומען 24 שעה פאר דער זון אנצוקומען נאכאמאל צום זעלבן פונקט אינעם הימל. דאס איז א טאג.

די וועלט ענדיגט א רונדע ארום דער זון נאך 356 טעג 48 מינוט מיט 46 סקונדעס בערך. [אין ארגינאל שטייט 356; דאס ריכטיגע איז 365 – די רעדאקציע] דאס מיינט אז נאך 356 מאל וואס די וועלט האט זיך געדרייט ארום זיך וועט עס האבן געענדיגט א גאנצע הקפה ארום דער זון.

די וועלט דרייט זיך נישט אינגאנצן גלייך ארום זיך - קעגן דער זון, נאר דער פלאץ ווי עס דרייט זיך איז עטוואס געניגט אראפ פונעם שפיץ, מיט בערך 23 דעגרי.

אזוי אויך דרייט זיך דער ערד-קוגל ארום דער זון, נישט אין א פונקטליכע רונד, נאר די זון געפונט זיך נענטער צו איין זייט פונעם רינג. דאס הייסט אז פאר א שטיק צייט אינעם רונד איז די וועלט נענטער צו דער זון און א שטיק צייט איז ער ווייטער.

דער נענטסטע וואס די וועלט איז צו דער זון אינעם רונד איז ארום דער דריטער אין יאנואר ווען די וועלט איז בערך 148,000,000 (הונדערט אכט און פערציג מיליאן) קילאמעטער ווייט פון דער זון און דער ווייטסטע איז ארום 6 אין יולי דעמאלס געפונט זיך די וועלט בערך 152,000,000 קילאמעטער ווייט פון דער זון.

דאס מיינט אז די זון איז אין פאקט נענטער צו דער וועלט מיט 5 מיליאן קילאמעטער אין דעם ווינטער (ווען עס איז ווינטער אויפן צפון חלק פון דער וועלט) ווי אין דעם זומער.

אין דער צייט וואס דער ערד-קוגל געפונט זיך נענטער צו דער זון, דרייט זיך עס ארום זיך עטוואס שטייטער און אזוי אויך דרייט זיך עס ארום דער זון שטייטער, דאס איז צוליב דעם וואס דער גראוויטעיט פון דער זון ווירקט דאמאלס שטערקער אויף דעם ערד קוגל.

קומט אויס אז נישט יעדן טאג איז פונקט פיר און צוואנציג שעה לאנג און אזוי אויך איז די ווינטער תקופה ווירקליך לענגער ווי דער זומער.

(דאס פארענטפערט פארוואס חצות רוקט זיך דורכאויס דעם יאר. עס וואלט ווען געדארפט זיין פונקטליך דער זעלבע צייט יעדן טאג, אויפן ווינטער זייגער מיט פונקט א שעה פריער ווי אויפן זומער זייגער, ווייל חצות איז פונקט אינמיטן טאג אדער נאכט און אפילו ווען דער טאג און דער נאכט

זענען נישט דער זעלבע לאנג איז אבער האלבע טאג און האלבע נאכט דער זעלבע צייט יעדן טאג. ווייל ווען עס ווערט לענגער אדער קערצער פון איין זייט ווערט עס אויך לאנגער און קערצער פון דער אנדערער זייט (אין דער תקופה וואס די זריחה ווערט פריער ווערט די שקיעה פונקט אזוי פיל שפעטער) און אזוי אויך פארקערט. און דער מיטל פונקט דארף דאך בלייבן אויפן זעלבן פלאץ. נאר צוליב דעם וואס נישט יעדער טאג איז דער זעלבע לאנג, קומט אויס אז אפילו דער זייגער וויזט חצות האט זיך דער פריערדיגע טאג נאכנישט געענדיגט.)

די ערד ווי אויבנדערמאנט דרייט זיך ארום זיך אליין יעדער כמעט 24 שעה און ווי שוין פריער געשמועסט, דרייט זיך עס נישט פונקט גראד קעגן דער זון נאר דער פלאץ ווי דער דריי פאסירט, איז מיט בערך 23 דעגרי אוועק פונעם שפיץ וואס איז דער מערסטע צפון טייל פונעם ערד-קוגל. דאס פאראורזאכט די טויש אין סעזאנען וועלכע מיר האלטן מיט יעדערס יאר, ווייל צוליב דעם וואס דער דריי איז אמאל אוועקגענויגט פון דער זון און דאן קען די זון נישט שיינען דארט און שפעטער איז עס גענויגט צו דער זון און וואס דעמאלס שיינט די זון פול שטערקער דארט,ביידן זיך אזוי די תקופות.

מען קען עס אילוסטרירן פון אן אנדערע פערספעקטיוו. טאמער וואלט זיך די וועלט געדרייט ארום זיך - ליגענדיג, דאס הייסט ווען דער שפיץ פונעם דריי, איז פונקט אויסגעדרייט צו דער זון, וואלט זיך די וועלט געקענט דרייען ווי פיל ער וויל אבער נאכאלץ וואלט פונקט א האלבע וועלט אייביג געווען טאג און א האלבע וועלט וואלט אייביג געווען נאכט. אזוי אויך, טאמער וואלט דער דריי-אקסען (Axes of rotation) געווען פונקטליך ביי דער זייט, פונקט ביי דער פאזיציע וואס איז צווישן דעם חלק ערד וואס איז קעגן דער זון און דעם חלק וואס איז אוועקגעדרייט פון אים, וואלט יעדער פלאץ אינעם ערד-קוגל געהאט פונקט 12 שעה טאג און 12 שעה נאכט, נישט קיין חילוק ווי זיי וואוינען.

יעצט אבער אז דער דריי-אקסען איז ערגעץ אינצווישן, קומט אויס אז ווען די וועלט איז אויסגעשטעלט אויף א וועג אז דער דריי איז אויסגעדרייט צו דער זון האבן אלע וועלכע וואוינען אין יענער געגנט נישט קיין נאכט און ווען די וועלט איז אויסגעשטעלט אז דער דריי איז פונקט ביי דער זייט, איז נישט קיין חילוק ווי אויף דער וועלט דער דריי איז, ווי לאנג עס איז אויפן האריזאנט דארט ווי דער זון-שיין ענדיגט זיך, וועט זיין א באלאנס פון טאג און נאכט איבעראל אויף דער וועלט.

דורכאויס דעם יאר ווערט געטוישט די פאזיציע פונעם דריי-אקסען רעלאטיוו צו דער זון, ווייל ווי שוין פריער געברענגט דרייט זיך די וועלט ארום דער זון און אזוי ארום טוישט זיך עס אין פארלויף פונעם יאר, אמאל איז עס מיטן פנים צום זון, אמאל איז עס ביי דער זייט און אמאל אוועקגעדרייט פון אים. צוברענגענדיג צו דעם טויש פון סעזאנען.

**מתתיהו** • 10טן יאנואר 2024

זייער שיין צונומען!

[פארקירצט]

ס'איז אינטערסאנט צו באמערקן אז ר' משה פיינשטיין האט נישט פארשטאנען אזוי, נאר אז ס'האט יא מיט דעם חילוק פון ווינטער און זומער, און צוליב דעם האט ער טאקע געהאלטן אז חצות איז יעדן טאג גלייך 12:00 אזייגער ווייל דעמאלטס איז אייביג "חמה באמצע הרקיע".

[פארקירצט]

**ים של שלום** • 10טן יאנואר 2024

ווי אזוי קען זיין אז ווינטער איז די וועלט נענטער צו דער זון און זימער איז עס ווייטער? ווען די זון איז נענטער וואלט געדארפט זיין הייסער און ווען די זון איז ווייטער וואלט געדארפט זיין קעלטער. נישט אזוי?

**מתתיהו** • 10טן יאנואר 2024

ווינטער און זומער האט מיט ווי די זון שיינט דירעקט. אונזער זומער איז ווען די זון שיינט דירעקט אויף דעם צפון חלק פון דער וועלט.

**דיכטער** • 11טן יאנואר 2024

דער הסבר דערצו, אראפצולייגן אין די פשוט'סטע ווערטער, וואלט געווען אז עס איז אזוי ווי מען בראט א שטיקל פלייש העכער א פייער.

ווען דער שטיקל פלייש איז אויסגעדרייט צום פלאם וועט עס אנהייבן צו בראטן און שווארץ ווערן, הייסער און שווארצער מיט יעדער פארבייגייענדע סעקונדע, אפילו עס איז נישט דווקא אזוי נאענט צום פלאם. ווידערום דער זייט פונעם פלייש וואס איז אוועקגעדרייט פונעם פלאם וועט בלייבן פארהעלטניסמעסיג רוי און רוקן דער שטיקל נענטער צום פייער וועט נאר שנעלער פארברענען דעם זייט וואס איז אויסגעדרייט צו אים אבער נישט אפבראטן די אנדערע זייט, אזוי אויך טאמער איז דער שטיקל פלייש אין א רונדיגע

פּארעם וועט דער דיקטסט חלק אינמיטן פון דער פּארציע, דער ערשטער אנהייבן שווארץ צו ווערן און דאס האט נישט מיט דעם אז עס איז דער נענטסטע צום פייער, נאר צוליב דעם וואס דער פלאם איז דער מערסטע געצילט צו יענער חלק. און דעריבער מוז מען דרייען דעם פלייש העכערן פלאם, כידוע ליודעי חן...

ווען די זון שיינט דירעקט איבערן קאפ פאר א לענגערע צייט וועט אלעמאל זיין הייס, עס קען עס זיין פיל ווייטער ווי ווען עס שיינט אומדירעקט אדער ווען עס שיינט אויף דער אנדערער זייט פון דער וועלט.

און קורצן: עס ווענדט זיך נישט אזוי שטארק אין דער דיסטענס (ווייטקייט) ווי אין דער דירעקציע.

**דיכטער** • 16טן יאנואר 2024

איך מוז אויסקלארן [פּארקירטצ] איבער דעם וואס איך זאג אויבן אז ווינטער נעמען די טעג לענגער "ווייל די וועלט דרייט זיך שטייטער ארום דער זון" דאס איז נישט אמת. די טעג נעמען לענגער ווייל די וועלט דרייט זיך אליינס שטייטער, און ארום דער זון פליעט עס שנעלער אין דער צייט. (ווי שנעלער עס דרייט זיך ארום דער זון אלס לענגער וועט א טאג נעמען) וטעות לעולם חוזר. (איך זע אז דער ארגענעלע ארטיקל קען איך שוין נישט פארריכטן)

---

איבערלעבונגען

# בין חיים למוות

יאנואר 2004: א נסיעה פון מאנטריאל קיין בארא פארק אויף א פארשנייטן הייוועי, מיט א דרייווער וואס האט קוים א האלב יאר א לייסענס.

פון **jewboy**

היידפארק • חדשות אנ"ש אין בילדער • „בין חיים למוות" • 13טן – 14טן יאנואר 2004
https://hydepark.sites.tab.bot/t/764477.html

---

**jewboy** • 13טן יאנואר 2004

נעכטן פארנדיג אהיים פון CANADA איז דער וועג געווען געפערליך שניידיג און גליטשיג.

דער דרייווער וואס האט אינגאנצן א האלב יאר לייסנס איז געפארן אויף 50-60 מפ"ש, איך האב עם געשריגן פאר שטאטער, דו זעסט נישט אז ס'איז גליטשיג און שנייאיג?

און ער זאגט ס'איז גארנישט, איך וויל לייל שוין זיין אינדערהיים. נאך לאנגע געבעטן האט ער אנגעהויבן פארן שטאטער און איז ער אראפ צו 40 מפ"ש, און כ'האב עם געבעטן צו פארן נאך שטאטער, שוין ענדליך האט ער מיר געפאלגט און געפארן אויף 15-25 און אזוי זענען מיר געפארן.

דער דרייווער זאגט מיר אבער אז נאך דעם בארדער וועט מען שוין יא פארן שנעלער. האב איך געזאגט ניין, ווייל @ליסט ביז א שעה נאך דער גרעניץ איז אויך דער וועטער אזוי.

און ווי חכם האט ער נישט געפאלגט דעם טיפש, און האט אנגעהויבן פארן ווי א יצמח, איך האב געטראכט צו מיר איך גיי שלאפן ענדערש זאל איך נישט זען וואס ער טוט.

און אין אינמיטן געט ער מיר אוועק אויף אלי. וואס טוט מען דא? קוק וואס ס'איז געשען? איך געב מיר א זעץ אויף און איך פרעג עם די ערשטע זאך אויף וויפל ער איז געפארן? זאגט ער 15 מפ"ש! איך האב געזאגט פון פארן אויף 15 קומט מען נישט אן דא, ממש לעבן דעם בארא אראפ, מ'איז אריין און א פאניק וואס טוט מען? דארט קומען קאראן מיט טרעילערס, נו אלי וואס טו איך דא? כ'האב עם גענטפערט מיט אזא רואיגקייט פאר ווייטער אויף 15 וועסטו זיך נישט ספינען אינמיטן וועג אזוי שטארק.

אבער אזוי ווי איך האב געזען אז א טרעילער'ס דערנענטערן זיך, און די קאר האט היבש ארויסגעשטעקט אינמיטן הייוועי, (איין קען איז געווען ממש ביים בארג אראפ און איין קען אינמיטן די הייוועי) איך האב עם געזאגט לייג אין פארק לייג די פיס אויפן ברעיק שטופער לייג די שטעקן און R און פאר

שטאטלעך, און אזוי ווייטער, איך זאג ענק ממש מיין נשמה איז מיר געווען אין דער האנט.

איך האב עם אנגעהויבן צו באפאלן אויף אן איידעלע אופן (ער איז געווען גענוג דערשראקן).

דו ווייסט וואס ס'וואלט געשען ווען די קאר איז אביסל מער און די לופטן פון די פראנט?

דו ווייסט אז ס'ווארט דיר א שטוב מיט קינדער אינדערהיים?

דו ווייסט אז דיין ווייב שלאפט נישט רואיג וויל זי ווייסט דעם וועטער אין מאנטריאל און אין אפ סטעיט?

דו ווייסט אז דו האסט איינגעשטעלט דריי מענטשנס לעבן יעצט?

שוין אונז פארן ווייטער, איך האב עם געבעטן סטאפן און א רעסט עריע און איך האב עם געזאגט גיי טרונק עפעס וואסער, זאגט ער אז ס'איז שמוציג.

האב איך עם געזאגט אז ווען אונז פאלן ווען אראפ דארט אונטן וואלסטו אויך געטרונקען שמוציגע וואסער מיט גראז זאמד שניי זיי נישט אזא נפקא און טרונק וואסער יעצט, און וואס מיינט עטץ? ער האט מיר געפאלגט.

איך האב עם געבעטן אז יעצט זאל ער זען צו פארן שטאטער, און ער האט מיר שוין איינמאל געפאלגט.

אינמיטן איז דער וועג געווארן בעסער און מ'האט אנגעהויבן פארן שנעלער, אינמיטן בום'ס טראך ס'איז גליטשיג שוין ווייטער די קאר האט זיך געגבן א ספין 4 מאל און א מזל אז ס'איז געווען א געיט ביי דער זייט ווען נישט וואלט עטץ מער נישט געהאט קיין Jewboy און ס'וואלט געווען נאך אפאר יתומים אין די מארקעט.

איך האב עם געזאגט אויפגערעקטערהייט אבער איידל, גיי ארויס פון קאר און זעץ דיר פליס אויפן פעסנגערס זייץ.

יענער ווייסט אז איך האב נישט קיין לייסנס אבער ער האט נישט געהאט קיין ברירה, ער זאגט דו האסט דאך נישט קיין ליינסנס ווי אזוי גייסטו דרייוון? זאג איך עם איך דרייוו שוין 10 יאר אן קיין לייסנס און איך מיין אז איך דרייוו נאך אלץ אביסל בעסער פון דיר.

דו דרייווסט קוים א האלב יאר און קוק דו ביסט שוין כמעט נישט געווען בין החיים. פליז לייג דיך שלאפן און כ'וועל דיר אויפוועקן אין מאנראו.

איך האב איבערגענומען די רעדל.

פארשטייט זיך אז כ'בין געפארן זייער שטאט,און אנקומענדיג אין מאנראו האב איך עם אויפגעוועקט און געזאגט יעצט קענסטו דרייוון.

ער האט איבערגעומען די רעדל, און איז געפארן אסאך אסאך שטאטער ווי פריער זעט אויס די ס"מ איז עם נאך געווען אין הארץ.

אנקומענדיג אין ב"פ האב איך עם געזאגט פליז גיי צו שומר שבת און בענטש גומל, זאגט ער ווייטער ווי א חכם, אבער איך דארף שוין זיין ביי דער ארבעט.
זאג איך עם שוין נערוועזהייט אין ארבעט דארפסטו גיין? פריי דיך אז דו ביזט נישט אין טהרה שטיבל יעצט.

דער וועג האט טאקע גענומען אלעס צו זאמען פון מאנטריאל ביז ב"פ 11.5 שעה, אבער ב"ה ס'איז גארנישט געשען.

**שניידער** • 13טן יאנואר 2004

JEWBOY,

די ערשטע זאך איז, זאלסט מער מיט אזא דרייבער נישט פארן...

צווייטנס מיין איך, ס'איז געקומען די צייט זאלסט ארויסנעמען אליין א לייסענס, זאלסט נישט דארפן צוקומען צו קיין טובות פון "א זעלכע גוטע פריינד" וואס זיינען כמעט גרייט אוועקשלעפן דיר אויף "עולם הבא"....(גו' לא רוצה לאבד אותך כ"כ מהר )

דאס איז אגב א מוסר השכל פאר די אלע גרויסע "אויבער חכמים" וואס האבן נישט קיין שכל און טוען וואס זיי ווילן אויף די שניידיגע וועגן,און בכלל אויף די וועגן, און טראכטן נישט א רגע אז זיי זיינען א "האר" פון יענער וועלט....

**יוסףמאיר** • 14טן יאנואר 2004

ער קען נישט בענטשן גומל בשם ומלכות וויל עס איז גארנישט געשען

אבער אונז דארפן בענטשן גומל אז JEWBOY איז דא מיט אונז

היסטאריע

# דאס לעבן פון אמאל

ווי אזוי האט אויסגעזען א ווינטער־פרימארגן אין א שטעטל, ווען עס איז נאך נישט געווען קיין עלעקטרי: דער אויוון, דער ברונעם, דער חדר און די שליטנס.

פון **דולה ומשקה**

קאווע שטיבל • היסטאריע • „דאס שווערע/געשמאקע לעבן פון אמאל" • 7טן יוני 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10599.html

## ווארעם וואסער

דער שיין פון עלעקטרי האט נאכנישט אריינגעדרונגען אין די פארשטופטע דערפלעך און די רעדער פונעם אויטאמאביל האבן זיך נאכנישט געדרייט איבער זייערע אומאויסגעפלאסטערטע געסלעך פון די אמאליגע קליינע שטעטלעך. אזעלעכע ווילדער איינפאלן זענען אפילו אין די זיסטע חלומות נאכנישט געקומען; די פשוט'ע דארפס-אידן האבן געקענט בלויז האפן אז דאס הינדל ביים שוחט זאל ארויסקומען כשר און די שפאלטנס פון הויז זאלן נישט אריינלאזן קיין גרויזאמע ווינטן. די השגות זענען אלע געווען קליינע און די סטאנדארטן נידריגע; נאר אויך אזא אופן איז דאס פרידליכע לעבן אין די שטעטלעך און דערפלעך אנגעגאנגען מיט די מינימאלסטע באקוועמליכקייטן און פארגרינגערונגס מיטלען.

פריע פארטאגס שעה האט געטראפן די אידינע שטיין ביים אויוון, אריינלייגנדיג האלץ אנצוווארעמען דאס הויז. די דיקע קלעצער האבן זיך נישט אנגעצונדן פון א קליין שוועבעלע; אויף אויפצופלאקערן דעם פייער האט מען געדארפט אויסשפרייטן אויף די העלצערנע קליינע, דינע שפענדלעך, זעג-אפפאל, וואס כאפן זיך גרינג אן אין פייער, און דאס האט מען אנגעצונדן. כדי דער פייער זאל ווייטער גיין צו די קלעצער איידער די שפענדלעך ווערן געגצליך אויסגעברענט האט מען נאכאנאנד געבלאזן מיטן מויל, ביז דער פייער האט זיך פונדאנדערגעשפרייט און איז אנגעקומען צו אלע עקן פונעם הויפן האלץ. אויב די שפענדלעך און די קלעצער זענען געווען געגוג טרוקן האט געקענט געלונגען עס זאל אויפנעמען ווייניגער פון צוואנציג מינוט פונעם אנהויב טאג.

ווען דער אויוון איז שוין געווען אנגעהיצט האט די פרוי געשטעלט א טשייניק צום קאכן פון אויבן, העכערן פלאם. דאס ווארעמע וואסער האט געדארפט זיין גרייט פאר א טיי, און אפצוואשן די קינדער'ס פנימ'לעך ווען זיי וועלן אויפשטיין.

## וואסער פון ברונעם

א פארטאגס קעלט האט נאך געהערשט אינדרויסן ווען די פרוי איז ארויס צום ברונעם, די אופגייענדע זון באלייכטנדיג איר וועג מיט א בלאסער פרימארגן שיין. א דריי אויפן קריצנדיגן הענטל, און דער אמפער האט זיך אראפגעלאזט אינעם טיפן לאך, דער קלאנג פון מעטאל אפהילכנדיג ווייט אינעם פארשלאפענעם דארף.

דאס וואסער האט געדארפט קלעקן אויפן גאנצן טאג צום טרינקען און קאכן; אויף נעגל וואסער, נטילת ידים, וואשן דאס געשיר און וועש האט מען זיך באנוצט מיטן נאנטן טייך.

אריינכאפנדיג די פאר מינוט וואס די קינדער זענען נאך געשלאפן האט די פרוי געמאלקן די קו, לאזענדיג די פרישע, ווייסע מילך אריינרינען אין א בלעכענע קאנע. דער ווארעמער געטראנק איז נאכנישט גרייט געווען צו טרינקען; צוערשט האט מען עס געדארפט אויפקאכן, צו באפרייען פון באצילן.

ווי נאר די קינדערלעך האבן אנגעהויבן זי דערוועקן איינער נאכן אנדערן האט די מאמע זיי געגומען ביי דער האנט, און ארויסגעפירט אין הויף צום בית הכסא. דאס האלצערנע שטיבל, ענדליך צו א קאמער, האט פארמאגט נישט מער ווי א טיפן לאך אין דער ערד, און מען האט דעראיבער נישט געקענט לאזן דאס קליינוווארג אריינגיין אן א באגלייטער.

מיטן פריש אנגעשעפטן וואסער האט מען אפגעוואשן די קליינע הענטעלעך און פנימ'ער, און די קינדער זענען אריין אין הויז עסן.

אויף פרישטיג האט די מאמע אפגעשניטן א פאר רעפטלעך פונעם גרויסן מלייענעם ברויט וואס מען האט דעם פארגאנגענעם פרייטאג אפגעבאקן, און באשמירט מיט לעקוואר אדער פוטער. צומאל האט די מאמע געשטעלט די רעפטלעך אויפן פייער, און מהנה געווען די קינדער מיט פרישע פעניץ. צום ברויט האבן די קינדער צוגעגעסן אביסל גרינצייג, אמאל אן אפגעקאכטע איי, און

צו אלעם האט מען צוגעטרונקען א גלעזל פון דער אויפגעקאכטער מילך.

### תלמוד תורה / רעגירונגס-שולע

עס איז נאך געווען א פריע שעה ווען די קינדער זענען געגאנגען לערנען אין תלמוד תורה, א געביידע מיט עטליכע קלאס-צימערן. אין א כתה האבן געלערנט א 12-15 אינגלעך, לויט די עלטער פון יעדע פאר יאר גרופירט באזונדער. די מיידלעך זענען געגאנגען אין זייער באזונדערן חדר, וואו זיי האבן געלערנט ליינען און דאווענען.

## דער פראסטיגער ווינטער האט אויך נישט באוויזן זיי אריינצושפארן אין שטוב

אין די חדר שעות האט מען וואס מער אריינגעשטופט אין די יונגע קעפעלעך, ווייל בלויז א קורצע צייט שפעטער, אכט אזייגער אינדערפרי, האבן די קינדער שוין געמוזט זיצן אין דער רעגירונגס-שולע. אבער טראץ דער מינימאלער אפציעלער אידישער ערציאונג האבן די קינדער איינגעזאפט א געוואלד אין די היימען, און אפילו אויף דער גאס, וואס מען האט געאטעמט מיטן אידישן לעבן.

אין שולע האבן די אידישע קינדער מיטגעהאלטן אלע לימודים- געאגראפיע, היסטאריע, אויסלייג און מאטעמאטיק – אויסער צוויי מאל א וואך, ווען די שולע האט סוף טאג צוגעשטעלט קלאסן אויף קריסטנטום, און די אידישע קינדער זענען ערלויבט געווארן אהיימצוגיין פריער.

אויף זיינע אידישע שולע-פריינט שרייבט א געוויסע דר. פערעסקו: "[זיי] זענען געווען מער טאלענטירט אין מאטעמאטיק ווי אין אנדערע לימודים... אידישע שילערס האבן אלעמאל געקענט געניצט ווערן אלס א מוסטער פון ריכטיגער, גוטער אויפפירונג און העפליכקייט. זיי זענען געקומען אין שולע מיט מער פינקטליכקייט ווי אונזערע שילערס..."

אין זייער פרייע צייט, נאך חדר און שולע שטונדן, האבן די קינדער פארברענגט אין שויס פון דער נאטור. זומער זענען די אינגלעך זארגלאז ארומגעלאפן אין די פעלדער אדער זיך געבאדן אין דעם קילן, שפרודלדיגן טייך. דער פראסטיגער ווינטער האט אויך נישט באוויזן זיי אריינצושפארן אין שטוב; דעי ארומיגע בערג זענען דאן געווארן די אינטערעסאנטסע שפיל-פלעצער. די קינדער האבן זיך פרייליך אראפגעגליטשט די פארשנייטע בערג מיט שליטנס, בשעת אנדערע קינדער די חברה-לייט אין דארף, האבן געווארפן שניי-באלן איינער אויפן צווייטן, אויף די אנדערע קינדער, און אויף די שלימזל'דיגע דורכגייערס.

דערווייל וואס די קינדער זענען נישט געווען אין שטוב איז די מאמע געבליבן באשעפטיגט מיט אירע נאכאנאדיגע אויפגאבעס. יעדן טאג האט די פרוי זיך באפאסט מיט גערטנדל – איינגעזייט, באוואסערט אדער אפגעריסן די געצייטיגטע פרוכט און גרינצייג. אויך די בהמות וואס האבן זיך געפונען אין הויף פון יעדער שטוב האבן געפאדערט זייער פלעגונג.

די פארהארעוועטע הענט האבן אויף קיין מינוט נישט אפגעשטעלט זייערע פלינקע באוועגונגען בשעת די אידענע איז געגאנגען פון איין פליכט צום צווייטן; און נשים צדקניות האבן נאך געטראפן צייט צו זאגן תהלים און טון חסד מיט אנדערע אידן.

א שמועס פון דער וואך

# וואס איז בעסער, ווינטער צי זומער?

אקטאבער 2012: „שמעקעדיג“ לייגט אראפ די מעלות פוןביידע צייטן, און דער עולם אויף קאווע שטיבל נעמט א צד.

פון **שמעקעדיג, זר זהב, zurich און אנדערע**

קאווע שטיבל • גענעלשאפט • „וואס איז בעסער, ווינטער צי זומער?“ • 13טן אקטאבער 2012 – 27סטן נאוועמבער 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2063.html

**שמעקעדיג** • 13טן אקטאבער 2012

וועלכע דא צולייגן ביידע צדדים, ויראו הקהל וישפוט!

א. ווינטער איז געשמאקער!

ווינטער! אזא געשמאקע צייט... מיט וואס זאל איך אנהייבן? ברוחניות אדער בגשמיות? מ'דערמאנט זיך עס קומט שוין באלד די לאנגע ווינטער נעכט, אויף וואס קדושי עליון האבן אזוי געווארט דערויף... עס הייבט זיך אן די קלענערע פרייטאגס מיט די לענגערע מוצש"ק, ס'איז פיל געשמאקער ווי זומער, ווען ס'איז פארקערט. דער פרייטאג און שבת נאכמיטאג אזוי לאנג אז מ'קען צופלאצט ווערן פון אזויפיל צייט, און מוצש"ק נאך הבדלה יאגט מען, מען כאפט עפעס אין מויל אריין, און... אין בעט אריין... אויפשטיין מארגן אין חדר/כולל/ארבעט... ווינטער איז דאך א נחת.

עס גייען אוועק די אלע קריכעדיגע און שטעכעדיגע שרצים... געענדיגט מיט די בינען און נודזשענדיגע פליגן, מאסקיטאס און טיקס, מ'קען גיין אין גאס רואיג, א מחי'! מ'קען אויפמאכן א פענסטער רואיגערהייט! אה, מנוחת הנפש! זומער קען מען דאך נישט דעם נאז ארויסשטעקן פון הויז! און ווער רעדט פון די אלע "ווירוס'ן", העי פיבער און ראוז פיבער וואס מאנכע ליידן זיך אן... און ספעציעל די לעצטערע יארן, די "וועסט נייל"...

אצינד, די שוידערליכע היץ לאזט צוביסלעך נאך. מ'זעט שוין נישט די רעקלאמעס, "איר מוזט טרינקען אסאך וואסער, בלייבט נאר אין קילע צימערן, און גייט נישט אונטער די זון וואס בראט ווי א פאקל", וכדומה. נאר עס ווערט שוין קעלטער אינדרויסן. מיר ווייסן דאך אלע פון דעם כלל: פון קעלט קען מען זיך באשיצן, מ'פעלצט זיך אן פון קאפ ביז פוס, אבער אנטקעגן היץ, און בפרט די יומידעטי, איז נישט פאראן קיין עצה! מ'בריט, מ'שוויצט, מ'ווערט איינגעהילט אין א ים שווייס פון אויבן ביז אראפ, און עס איז זייער נישט געשמאק צו לעבן אזוי.

ווינטער איז א געשמאקע צייט... עס קומט נאך א פריילליכער סוכות, וואס הן די נשמה און הן דער גוף זענען אויפגעלייגט, מיט א פעקל מצוות אויף די פלייצעס און גוטע קבלות על העתיד, און ס'קומט בלויז פריילליכע טעג נאכדעם... אזא לעכטיגע חנוכה, גאנצע אכט טעג, און שפעטער דער פורים, און מערערע קלענערע פריילליכע סעזאנען.... (כ"א כסלו פאר די סאטמארער...), חמשה עשר בשבט, און פארשידענס... אפילו די תעניתים, עשרה בטבת און תענית אסתר זענען קורצע תעניתים, און מ'פאסט שוין אויס פריער, און בכלל א קאלטער תענית טאג איז פיל לייכטער אריבערצוטראגן ווי א הייסער טאג.... זומער, ווידעראום, איז עפעס צופיל טרויעריגע טעג. קודם זיבן וואכן ימי הספירה, און שפעטער די דריי טרויעריגע וואכן, און שפעטער דער פחד פון יום הדין... און צופיל לאנגע הייסע שווערע תעניתים...

עס הייבט זיך אן דער חתונה סעזאן, יעדע נאכט נאך א 10-20 חתונות בליעה"ר, וואו מ'שטייט און מ'גייט הערט מען שמחות... ב"ה...

און ווען עס פאלט דער שניי, אהההה.... א הערליך בילד ארויסצוקוקן פונדערהיים... בפרט א שבת וואס שנייט, די גאנצע גאס ווערט "שבת'דיג"... די קינדער זענען באשעפטיגט איינגעהילט מיט פעלצן, שניי מענטשן זען זיך פון אלע זייטן, און די מייערן סוחרים פארדינען א שיינע מטבע פאר די נעוזער....

איך קען נישט מסביר זיין מיינע געפילן ווען איך זע א שניי. די גאס איז אפגעליידיגט, געזונטער בגשמיות וברוחניות. עס קומט מיר אויטאמאטיש ארויף געפילן פון חשבון הנפש... ווי מ'ליינט אין די מעשה בוכלעך, פון די פראסטיגע נעכט ווען אלע איינוואוינער פון שטאט זענען איינגעהילט אין די פערענעס און קישענעס און שלאפן געשמאק אינעם ווארעמען בעט, אדער קוקט מען ארויס אינדרויסן וואו מ'זעט נאר ווייס פאר די אויגן... און פונדערווייטנס הערט זיך א שטימע פון לערנען, אה, א קול תורה... אדער א חשבון הנפש, צו גאר תיקון חצות.... (פארשטייט זיך אז איך בין פון

די מענטשן וואס זענען אין בעט און האבן ליב צו הערן "יענעם" לערנען... אבי כאטש איך האב ליב א קול תורה...)

עפעס איז אזוי קאלעמוטנע אויפן הארץ, וויינגער קארס פארן צוליב דעם שניי, און דער גאנצער ארום איז ליידיג, און צומאל כאפט זיך אריין אזא צעבראכנקייט אויף דעם פוסטן גשמיות'דיגן לעבן, מ'וויל עפעס זיך אויסוויינען ס'זאל ווערן גרינגער אויפן הארצן, קומט פונקט גוט אריין די ימי השובבי"ם, קורצע תעניתים ווער עס וויל פאסטן, און א גוטע געלעגנהייט זיך צוריקצוקערן צום טאטן אין הימל....

ווער רעדט נאך חנוכה, ווען פון אלע הייזער, טראץ דער טונקעלער אפגעליידיגטער גאס, שיינען ארויס ליכטעלעך, א ווארימע ליכטיגקייט, וואס שיינט באמת אריין אין הארץ, און באלייכט די ווינטערדיגע פינסטערקייט, ווי די ספרים טייטשן אויפן פסוק אין תהלים "כי אתה ה' תאיר נרי ה' אלקי יגיה חשכי".

זומער קען מען דאך נישט ארויסגיין אויפן גאס. אפגערעדט ברוחניות, ווען הונדערטער פרויען און מיידלעך שפאצירן די גאנצע לענג און די ברייט פון די גאסן, און די אנדערע גייען נישט צניעות'דיג, און מ'דארף האבן שמירת עינים פילפאכיג מער פון ווינטער... וויפיל ווארענען די משגיחים ספעציעל אין די זומער טעג אויף שמירת עינים... בפרט שבת נאכמיטאג, מ'וויל גיין אין ביהמ"ד און די פרויען שטייען (כ'מיין, גייען) אין וועג... ס'טוט זיך א הוהא, קולות און א געפילדער, מ'האט נישט דאס ביסל "פריוועסי".... בקיצור, ווינטער איז געשמאק ברוחניות ובגשמיות, מער רילעקסינג, און זומער דאס פארקערטע... ממש אן אפקומעניש....

שבת נאכמיטאג... אהה, מען ליגט אין בעט, מען כאפט א קורצן דרימל, דער טונקעלער הימל, און די ווינטן וואס בוזשעווען שלעפן איין, נישט אזוי? אוי, זומער דאגעגן, וויל איך זיך ניטעמאל דערמאנען. די גאס איז פול מיט קינדער, מיט קולות רבים אדירים, רעש גדול אדיר וחזק משמיעים קול, מ'קען נישט קיין אויג צומאכן. א גאנצע וואך הארעוועט מען שווער, און דעם איינציגן טאג פון דער וואך, שבת יום מנוחה, האט מען נישט קיין מנוחה.....

ב. זומער איז געשמאקער!

אנדערע טענה'ען פארקערט. זומער איז פיל געשמאקער. ווי אזוי רופט מען נאר דעם זומער? "דער ליבער זומער". וואס עפעס אזא צונאמען "ליבער" זומער? הלא דבר הוא! משמע שיש דברים בגו, נישט אזוי?

פילע מענטשן גלייכן מער א לעבעדיגע גאס, פול מיט קינדער, אויף די ביציקלעך און אויף די דעכער און אויף אלע ארבע כנפות הארץ, אזוי אויך די "דרייווערס" וואס פירן די קארס גלייכן זומער בעסער ווי ווינטער, און פארוואס דען נישט, זיי האבן דאך פיינע קאלטע עירקאנדישאן אין קאר, די היץ שטערט זיי לגמרי נישט, און צופיל פראבלעמען פון די הייסע וועטערס מאכן זיך נישט, נאר פון דער קעלט. פון דער קעלט ווערן די קארס פארפרוירן צום טויט מיט זייערע באטעריען, און אויף שניי קען מען שוואך פארן, אפגערעדט אויב עס איז גליטשיג ה"י, איז עס א סכנה פאר זיך און מ'שטעלט אנדערע אויך אריין אין געפאר, נו מה לנו ולצרה הזאת, טענה'ן די דרייווערס, לאז בעסער זיין ווארעם א גאנץ יאר, און פטור אן עסק.

וואס נאך? אודאי ברוחניות האט מען געהויבענע טעג, אזא יו"ט פסח מיט די ליכטיגע סדרים, און דערנאך די ימי הספירה א הכנה אויף שבועות און קבלת התורה, וואס ווער עס האט נאך א שטיקל אידיש געפיל שפירט א גרויסע התעוררות אין די ימים טובים ווען מ'קען זיך אויסבעטן אלעס גוטס און זיך אנזאמלען השפעות אויפן יאר, און אודאי אויך די ימי אלול און תשרי וואס קומען דערנאך איז א גרויסע עליה ברוחניות, אזעלכע הייליגע טעג וואס באגלייט דעם מענטש אויף א גאנץ יאר דערנאך. אויך איז נישט וועקצומאכן די שיינע פרקי אבות וואס מ'הערט פון מגידים ומגידים שונים יעדן שבת נאכמיטאג, נאכן זיך אויסשלאפן א גוזמא'דיגע 4-5 שעה... אבער בגשמיות זע איך נישט עפעס ערנסט. אבער דאך, די עלטערע אידן פארן דאך שטענדיג אויף די ווארעמע מקומות, זעט אויס אז פאר עלטערע אידן איז געשמאקער די היץ.

די טאטעס און מאמעס פרייען זיך אביסל אז די קינדער פארן אין די קעמפס, אוועק, און אביסל מנוחה. מ'קען זיך אויסטשוכן, און די קינדער ווידעראום פרייען זיך צום טויש, מ'גייט שווימען, מ'האט פארשידענע אינטערעסאנטע זאכן, אייזקרעים, און נאך שפילערייען, טריפס, וכדו', ביז סוף זומער ווען עס ווערט מקויים "והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם". אויסער דעם קען מען שפאצירן אויף דער פרישער לופט (ווען עס איז נישט צו הייס), מ'קען גרינגער אנקומען אויף די פלעצער וואס מ'דארף, וכדומה. אדער פארט מען סתם אליין וואקאציע. טייל פארן אליינס ארויס אויף די בערג, וואו ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה וכל עצי השדה ימחאו כף... וואס קען דען זיין בעסער ווי לערנען אונטערן שאטן פונעם בוים בשעת א געשמאקן ווינטל בלאזט אוועק די פיאות און מישט אריבער דעם בלאט גמרא אויטאמאטיש.... און די פייגלעך טוויטשקען ארום און זינגען פרק שירה, וקול התור נשמע בארצינו...

---

סוף דבר: וואס איז טאקע בעסער?

די אונטערשטע שורה איז: עס ווענדט זיך אויף וועלכן האלבן גלאז מען קוקט! אויף דעם פולן אדער דעם ליידיגן!...

**חאצקל** • 13טן אקטאבער 2012

זייער שיין צונומען דעם ווינטער און זומער, אבער איידער מיר רעדן בכלליות פון ווינטער און זומער לאמיר צוערשט צונעמען ספעציפיש דעם הערבסט (פאל) און פרילינג (ספרינג), ווייל טבת קענן תמוז הערט זיך אנדערש ווי אייר קעגן חשוון.

**גוטזאגער** • 13טן אקטאבער 2012

שמעקעדיג האסט דאך אויס געכאפט די מעלות אדער חסרונות וואס מען קען ווען צולייגן שוין וועט גוט זיין אזוי אויך מיר איזביידע געשמאק די קילע טשילס דעמאנט מיך פון אלע פריילּיכע איבער לעבענישן פון ווינטער און די ווארעמע יומיד דעמאנט מיך פון דער זיסער רויטער זאפטיגער מעלאנע וכו אבער די זיסטע איז צו זען ווען דער וועטער טוישט זיך אזוי ווי יעצט ווער עס דערוואגט זיך צו זיין פון די נחשונים זיך אנצוטאן דעם מאנטעל

**zurich** • 14טן אקטאבער 2012

וועיגן דעים טאקע איז יעצט. נישט אזוי גיט די קעלט ווייל מ'שעימט זיך נאך אנצוטוען דעים מאנטל.

**דולה ומשקה** • 14טן אקטאבער 2012

יענער האט געזאגט: זוממער, ווייל דעמאלס איז זיין פרוי אויף וואקעישאן פאר צוויי חדשים...

**זר זהב** • 14טן אקטאבער 2012

ס'נישט קיין האלבע גלאז פיל אדער ליידיג. די פאר נארישע מעלות וואס זומער האט לשיטתך איז א וויץ קעגן די מעלות פונעם ווינטער. און איך וואלט נישט אריינגעלייגט פסח אינעם זומער קאלום.

**דולה ומשקה** • 14טן אקטאבער 2012

קוק ווי אזוי שמעקעדיג לייגט דאס אראפ ביים שרייבן דער חלק ה'ווינטער איז זיין ערשטע האלב מלא נעגעטיוו אויף דעם זוממער, ממילא ווערט דער ווינטער אויטאמאטיש בעסער. און בכלל די מעלות וואס ער שרייבט אויף דעם ווינטער איז נישט אזוי ספעציעל פאר רוב מענטשן.

ביים זוממער דארף ער נישט צוקומען צו נעגעטיוו אויף דעם ווינטער, נאר מלא מעלות אויף דעם ווינטער.

**זר זהב** • 14טן אקטאבער 2012

דער זומער האט נישט קיין איין מעלה לדעתי. די פאר מעלות וואס ער לייגט אראפ איז דאך אויך צוליב די צרות... פארוואס דארף מען אייזקריעם און שווימען? נישט צוליב דער היץ??

**שמעקעדיג** • 14טן אקטאבער 2012

האסט א פוינט.

אסאך מאל כדי ארויסצוברענגען די מעלה אדער גוטע געפיל קען עס נאר זיין דורך ארויסברענגען די שוואכקייט פון צד שכנגד, און ווערן א מתכבד בקלון חבירו.

אין הכי נמי, טאמער למשל וואלטן נישט געווען קיין בינען און מאסקיטאס אום זומער, וואלט דאס נישט געקענט גערעכנט ווערן אלס א מעלה לגבי ווינטער.

אדרבה, לאמיר הערן וואס דו האלטסט, קענסט מוסיף וגורע זיין לויט דיין געשמאק, מיינע ווערטער זענען נישט הלכה למשה מסיני.

גראדע ביי מיר אליינס, אסאך מאל ווען איך נעם ארויס א קאר אינמיטן ווינטער, האב איך יא פיינט דעם ווינטער. דאס אראפשארן דעם שניי, זיך פלאגן און גליטשן, און נאך אנדערע קאפ ווייטאג, איז א גרויסער שטער פאר א דרייווער.

**שמואל הלוי** • 14טן אקטאבער 2012

איך גלייך בעסער ווינטער, ווייל פון קעלט קען מען זיך באשיצן אויך אין גאס דורך זיך פיין באפעלצן, משא"כ זומער אין די היצן קען מען גייענדיג אין גאס זיך נישט באשיצן.

חוץ מזה איך האב זייער ליב די ווינטער זייגער, מיין טאג איז בעסער אויסגעשטעלט אזוי.

**איך אויך** • 14טן אקטאבער 2012

שיין אראפגעלייגט ביידע צדדים. פערזענליך בינער א זומער טיפ אלל דע ווע', ווינטער איז איינגעהילט פארכמארעט, קאלט, קורצע טעג און טונקל, אבער אה זומער, די ווארימע לעכטיגע שיינענדיגע לאנגע טעג, איז אן אנדערע מעשה אינגאנצן.

**sunbar** • 14טן אקטאבער 2012

ווען איז א ציגארעטל בעסער? זומער אדער ווינטער?

**zurich** • 14טן אקטאבער 2012

ביסט אינגאנצן משוגע, וואס איז די שאלה, קומסט ארויס אויפן פארטש אינמיטן ווינטער ווען ס'פיין קאלט אינדרויסן מיט א הייסע קאכעדיגע קאווע אין איין האנט, און א ציגאראטל אין דער צווייטער האנט, וואס קען זיי בעסער פון דעם?

אין זומער איז דאס ציגארעטל א ברכה לבטלה. מעיבי ביינאכט ווען ס'בלאזט א שטיקעלע ווינטל, אבער אינמיטן טאג ווען די זון שיינט אויפן העכסטן גראד איז עס א דיזעסטער!!

**sunbar** • 14טן אקטאבער 2012

ווען עס איז קאלט ווערט מיין האנט פארפרוירן, אז איך קען אפילו נישט אנכאפן דאס ציגארעטל.

**שמעקעדיג** • 15טן אקטאבער 2012

איך וועל מודה זיין אז ווען די קעלט ציפט ממש נישט צום אויסהאלטן איז טאקע גאר שווער.

אבער ע"פ רוב איז עס אדורכצוטראגן, בפרט פאר אונז אנגעפאשעטע מענער.

**משה רוקח** • 15טן אקטאבער 2012

פאר מיר איז זומער אסאך געשמאקער.

איך קען נישט אויסהאלטן קיין צו שטארקע קעלט.

**אויסגערוט** • 19טן נאוועמבער 2014

איך גלייך ווינטער אסאך מער. קודם כל אין דעם זומער אחוץ פון זיצן אין קאר מיט עיר קאנדישענער קענסטו גארנישט טון פאר דער היץ, ווידער ווינטער קעמען זיך אנטון ווארעם. אויכעט דער קאלטער ווינט איז זייער רעפרעשינג ווער רעדט נאך פונעם געשמאק פון א קאווע און ציגארעטיל אינעם פראסט...דער רויעך שלענגלט זיך אזוי און בלייבט הענגען אין די ליפטן.

אופס שיעור פארגעסן דעם 12 שעה'יגן שלאף פרייטיג צונאכטס.....

אופס סאררי עוד רגע.... דער געשמאק פון אויפשטיין אינדערפרי ווילענדיג ארויסגיין פון בעט און ווי נאר מ'שפירט א טראפקעלע קעלט גיבט מען זיך א קאדל אריין אין דער דאכענע...איי א מחיה...

**שמעקעדיג** • 27סטן נאוועמבער 2014

נאך א זאך וואס איך גלייך שטארק אין די קורצע ווינטער טעג. מען דאווענט מנחה מעריב פרי. געווענליך דאווען איך שוין מנחה אינמיטן טאג אין ארבעט בשכנות, און מעריב אויפן וועג אהיים, און איך בין פריי פאר דער נאכט. אויב בין איך מיד, קען מען גיין אריינרוקן א בייגל איבערנאכט, און אפילו סתם אזוי, קען איך רואיג פארבלייבן אין שטוב פארברענגען מיט דער משפחה אן דארפן האבן דעם פרעשור פון לויפן דאווענען מנחה מעריב.

**קולטור • פאעזיע**

# „אל הציפור“ אויף אידיש

דאס באקאנטע ליד פון חיים נחמן ביאליק צום פויגל וואס קומט צוריק פון די ווארעמע לענדער נאכן ווינטער, מיט אן אידישער איבערזעצונג פון „מאטי“, סטראפע נאך סטראפע.

פון **מאטי**

קאווע שטיבל • פאעזיע • „אל הציפור (חיים נחמן ביאליק)“ • 4טן – 5טן אוגוסט 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10780.html

**מאטי** • 4טן אוגוסט 2016

שָׁלוֹם רָב שׁוּבֵךְ, צִפֹּרָה נֶחְמֶדֶת,
מֵאַרְצוֹת הַחֹם אֶל-חַלּוֹנִי -
אֶל-קוֹלֵךְ כִּי עָרֵב מַה-נַּפְשִׁי כָלָתָה,
בַּחֹרֶף בְּעָזְבֵךְ מְעוֹנִי.

פרידן צו דיר מיין באליבטע פייגל
פון די ווארימע לענדער צוריק צו מיין פענסטערל

צו דיין זיסן שיפשע געבענקט, הוי מיין געוויסן צעלאזט
זייטן ווינטער מיין היים דו האסט פארלאזט

זַמְּרִי, סַפֵּרִי, צִפּוֹרִי הַיְקָרָה,
מֵאֶרֶץ מֶרְחַק יָם נִפְלָאוֹת,
הֲגַם שָׁם בָּאָרֶץ הַחַמָּה, הַיָּפָה,
תִּרְבֶּינָה הָרָעוֹת, הַתְּלָאוֹת?

זינג! דערציייל! טייערע פייגעלע
די הערליכקייט פון ווייטן לענדעלע

איז דארט אין ווארימען שיינעם לאנד
אויך אזויפיל שלעכטס פארהאן?

הֲתִשְׂאִי לִי שָׁלוֹם מֵאַחַי בְּצִיּוֹן,
מֵאַחַי הָרְחוֹקִים הַקְּרוֹבִים?
הוֹי מְאֻשָּׁרִים! הֲיֵדְעוּ יָדֹעַ
כִּי אֶסְבֹּל, הוֹי אֶסְבֹּל מַכְאוֹבִים?

ברענגסטו גריסן פון מיינע ברידער אין ציון
מיינע נאנטע אבער ווייט זיי רוען?

הוי די גליקליכע! האבן זיי אן אנונג
ווי איך לייד אוי! ליידן און ווייטיג?

הֲיֵדְעוּ יָדֹעַ מָה רַבּוּ פֹּה שֹׂטְנַי,
מָה רַבִּים, הוֹי רַבִּים לִי קָמִים?
זַמְּרִי, צִפּוֹרִי, נִפְלָאוֹת מֵאֶרֶץ,
הָאָבִיב בָּהּ יִנְוֶה עוֹלָמִים.

ווייסן זיי איבער מיינע גרויסע פיינט
הוי ווי זיי שטעלן זיך איבער מיר מעכטיג?

זינג מיר מיין פייגעלע די וואונדער פון לאנד
דער פרילינג וואס הערשט דארט אויף אייביג

הֲתִשְׂאִי לִי שָׁלוֹם מִזִּמְרַת הָאָרֶץ,
מֵעֵמֶק, מִגַּיְא, מֵרֹאשׁ הָרִים?
הֲרִחַם, הֲנִחַם אֱלוֹהַּ אֶת-צִיּוֹן,
אִם עוֹדָהּ עֲזוּבָה לִקְבָרִים?

ברענגסטו מיר גריסן פון דער פרוכטבארער ערד
פון די טיפע טאלן די שפיצן פון די בערג?

האט שוין גאט מרחם געווען געטרייסט ציון
איז זי נאך פוסט ווי א קבר אן עמיצער זיך מיען?

וְעֵמֶק הַשָּׁרוֹן וְגִבְעַת הַלְּבוֹנָה -
הֲיִתְּנוּ אֶת-מֹרָם, אֶת-נִרְדָּם?
הַהֵקִיץ מִשְּׁנָתוֹ הַשָּׂב בַּיְּעָרִים,
הַלְּבָנוֹן הַיָּשֵׁן הַנִּרְדָּם?

און דער טאל פון שרון דאס בערגל פון לבונה
גיבן זיי נאך געווירצן שמעקעדיגע?

פון שלאף זיך אויפגעכאפט דאס אלטע וואלד מיט שימל
דאס אמאליגע לבנון פון איר דרימעל?

הֲיֵרֵד כִּפְנִינִים הַטַּל עַל הַר חֶרְמוֹן,
אִם יֵרֵד וְיִפֹּל כִּדְמָעוֹת?
וּמָה-שְּׁלוֹם הַיַּרְדֵּן וּמֵימָיו הַבְּהִירִים?
וּשְׁלוֹם כָּל-הֶהָרִים, הַגְּבָעוֹת?

דריפעט נאך טוי אויפן חרמון ווי פערל
לאנדעט עס נאך אויף איר ווי א טרערל

און וואס מאכט עפעס דער ירדן די וואסערן לויטערע
און אלע הויעכן און די בערגלעך?

הֲסָר מֵעֲלֵיהֶם הֶעָנָן הַכָּבֵד,
הַפֹּרֵשׂ עֲלָטָה, צַלְמָוֶת?-

זַמְּרִי, צִפּוֹרִי, עַל-אֶרֶץ בָּהּ מָצְאוּ
אֲבוֹתַי, הַחַיִּים, הַמָּוֶת!

האבן די דיקע וואלקענעס פון איר אפגעהויערט?
די וואס שפרייטן זיך מיט טויט-שרעק און טרויער

זינג מיר פייגעל'שע וועגן ס'לאנד~ דארט
מיינע עלטערן געפונען לעבן און טויט

הַאִם-עוֹד לֹא-נָבְלוּ הַפְּרָחִים שֶׁתָּלְתִּי
כַּאֲשֶׁר נָבַלְתִּי אָנֹכִי?
אֶזְכְּרָה יָמִים כְּמוֹהֶם פָּרַחְתִּי,
אַךְ עַתָּה זָקַנְתִּי, סָר כֹּחִי.

די בלימעלעך מיינע דארטן פארפלאנצט
זענען זיי אויך ווי מיין געוויסן פארטריקענט און מיד

איך געדענק די צייטן ווען איך ווי זיי געבליט
אבער היינט שוין אלט געווארן פארלארן דעם גלאנץ

סַפְּרִי, צִפּוֹרִי, סוֹד שִׂיחַ כָּל-שִׂיחַ,
וּמַה-לָּךְ טַרְפֵּיהֶם לָחָשׁוּ?
הֲבִשְּׂרוּ נְחוּמִים אִם-קִווּ לְיָמִים,
פִּרְיָמוֹ כַּלְּבָנוֹן יִרְעָשׁוּ?

פארצייל מיר פייגעלע די געהיימניסן פון אלע צווייגעלעך
וואס אזאנס האבן אין דיר ארייננגעשעפעשעט די
בלעטעלעך?

האבן זיי געטרייסט, א צוקונפט פון האפענונג?
זייערע פרוכטן הויעך ווי לבנון וועלן שפראצן, זיי האבן אן
אנונג?

וְאַחַי הָעֹבְדִים, הַזֹּרְעִים בְּדִמְעָה -
הֲקָצְרוּ בְרִנָּה הָעֹמֶר? -
מִי יִתֶּן-לִי אֵבֶר וְעָפְתִּי אֶל-אֶרֶץ
בָּהּ יָנֵץ הַשָּׁקֵד, הַתֹּמֶר!

און מיינע ברידער וועלכע מיט טרערן זיי זייען
וועלן זיי דעם עומר שניידן זוכה זיין זיך פרייען?

הוי ווען פליגלען איך זאל קריגן, פליען וועל איך צום לאנד
געבענטשט מיט מאנדלען און טייטלען פארהאן

וַאֲנִי מָה אֲסַפֵּר לָךְ, צִפּוֹר נֶחְמָדָה,
מִפִּי מַה-תִּקְווּ לִשְׁמֹעַ?
מִכְּנַף אֶרֶץ קָרָה לֹא-זְמִירוֹת תִּשְׁמְעִי,
רַק קִינִים, רַק הֶגֶה וָנֹהַּ.

און איך, עפעס פארציילן פייגלע זיסע?
א האפענונג פון מיין מויל א פוסטע?

פון דאזיגן קאלטן לאנד א געזאנג קיינמאל הערן
בלויז טרויערן זיפצן און קרעכצן פארמערן

הַאֲסַפֵּר הַתְּלָאוֹת, שֶׁכְּבָר הֵן בְּאַרְצוֹת
הַחַיִּים נִשְׁמָעוֹת, מוּדָעוֹת? --
הוֹי, מִסְפָּר מִי יִמְנֶה לַצָּרוֹת הָעֹבְרוֹת,
לְצָרוֹת מִתְרַגְּשׁוֹת וּבָאוֹת?

די פיין פון גלות לענדער פארוויילן
האבן דען נישט אלע שוין געהערט פארציילן?

איז עמיצער פארהאן וואס קען דאס ציילן?
און די אלטע פארביי ביז די פרישע טוט איילן

כְּבָר כָּלוּ הַדְּמָעוֹת, כְּבָר כָּלוּ הַקֵּץ צִים -
וְלֹא הֵקִיץ הַקֵּץ עַל-יְגוֹנִי.
שָׁלוֹם רָב שׁוּבֵךְ, צִפּוֹרִי הַיְקָרָה,
צַהֲלִי-נָא קוֹלֵךְ וָרֹנִּי!

מיינע טרערן שוין פארטריקענט ס'העכסט די צייט
אבער מיין קלאג דען פארביי ס'גייט

פרידן צו דיר מיין פייגעלע האסט זיך צו מיר אומקערט
אין פריידן דיין זינגען וועל איך ווייטער הערן אומגעשטערט

**אחד העם** • 5טן אויגוסט 2016

'אל הציפור' איז די ערשטע יצירה פון דעם יידישן משורר וואס איז נתפרסם געווארן.

**זבולון** • 5טן אויגוסט 2016

זייער שיין.

מ'קען עס אויך הערן.

עס איז אינטערעסאנט אז עס איז געשריבן געווארן מיט דער אשכנזי'שער הגייה, (מלעיל), עס איז נאך דעמאלס נישט קלאר געווען אז די עברית גייט אדאפטירן די ספרדי'שע הגייה. (דאס זעלבע איז מיט דעם נאציאנאלן המנון "התקוה").

**מאטי** • 5טן אויגוסט 2016

אויף יוטוב איז דא ווארימע מנגינות אויפן שיר. כאפטס אייך אריבער.

**פלאוויוס** • 5טן אויגוסט 2016

זייער שיין מאטי! בעתו ובזמנו..

מ'קען אזש צעגיין פונעם שיר.

הומאר

# זאלץ אויף שניי

פארוואס שיט מען זאלץ אויף שניי? א משל פון דעם „היזהאנער“ בלומבערג און זיינע גזירות אויף זאלץ און צוקער, געשריבן דעם 8טן נאוועמבער 2012, ווען עס איז געפאלן דער ערשטער שניי.

פון **זאלצוואסער** • ערשט געשריבן אויף אייוועלט

זאלצוואסער • בלאג • „זאלץ אויף שניי“ • 8טן נאוועמבער 2012
https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/44.html

אויף אייוועלט האט מיך "גלייכגילטיג" געפרעגט ווי פאלגענד: און איך האב געענטפערט...

„וואס איז טאקע פשט זאלצעלע אז מ'גיסט אויף שניי זאלץ??“

די מעשה מיט זאלץ און שניי גייט שוין צוריק דורי דורות פון די צייטן ווען אונזערע עלטערן פון דער זאלץ זייט, און זייערע עלטערן פון דער שניי זייט האבן זיך נישט פארטראגן.

און צו מאכן די לאנגע מעשה קורץ איז אזוי:

יארן צוריק ווען עס איז באקאנט געווארן די זאלץ משפחה מיט זייערע אייגענשאפטן, האט זיך געשאפן א שטורעם איבערן זאלץ, עס זענען געווען אזוינע וואס האבן געטענה'ט אז די זאלצלעך זענען ווערטלאזע ציפעדיגע שטיקער שטיין, און עס זענען געווען וואס האבן געוואלט זאגן אז אין זייער שארפקייט איז דא מינעראלן וואס קענען העלפן די מענטשהייט.

ווען דער מלך איז געוואויר געווארן אז מען קריגט זיך איבערן מל"ח און אז מאנכע טענה'ן אז מ'דארף זיי פארטרייבן פון לאנד, האט ער ארויסגעגעבן א געזעץ אז מ'וועט מאכן אן אפענעם געריכט אין צענטער פון שטאט, און כל מאן דבעי קען קומען און פארטיידיגן די זאלץ משפחה, אבער אויב וועלן נישט זיין קיין סניגורים וועט מען מוזן אסר'ן זאלץ אין דער גאנצער מדינה.

דער מלך, האט געהייסן בלומבערג, און מ'האט אים גערופן "היזהאנער" ווייל אזוי איז דאן געווען דער סדר, פונקט ווי פרעה האט געהאט אן אראבישן נאמען און מ'האט אים גערופן פרעה, און פונקט ווי אבאמא האט א נאמען פון א טערארארסט און מ'רופט אים פרעזידענט, אזוי אויך אין יענע צייטן איז געווען אזוי מיט "היזהאנער".

היזהאנער, האט זיך אראפגעשטעלט אין דער לענג און אין דער ברייט, אז מ'דארף לויז ווערן פונעם זאלץ. און ער האט שוין געחתמ'ט א דעקלעראציע, אז סיי ווער עס וועט זיך דרייען נעבן א זאלצל אדער וועט נוצן אפילו א זאלצל וועט געשטראפט ווערן פון זיינע שוטרים מיט שווערע געלט שטראפן.

די זאלצלעך האבן געזען אז כלתה עליהם הרעה, האבן זיי זיך צוזאם גענומען אויף אן אסיפה און אויפגעקומען מיט אן אלגעמיינער אנגענומענער מיינונג אז מ'וועט זיך ווענדן צום "צוקער". ווייל די צוקער'ס זענען משפחה מיט די זאלץ'לעך פון איין מדינה, דער חילוק איז נאר אז זיי זענען מער באטעמ'טער און מ'קען מיט זיי זיך גרינגער אויסקומען.

די צוקער'ס האבן גערן אנגענומען די שווערע אויפגאבע פון זיך ווענדן צו "היזהאנער" און שתדל'ן לטובת די זאלצלעך.

אויפן וועג אריין צום היזהאנער'ס פאלאצל האט איינער פון די צוקערלעך זיך אונטער געהערט א שמועס פון א יוצר משרתים'ל פון היזהאנער, אז די קומענדיגע פאר טאג קומט ארויס א גזירה קעגן צוקער, און אז עס קענען נישט זיין צופיל צוקערלעך אויף איינמאל אין איין פלאש. היזהאנער איז אויסן אויסצוראטן א יעדערן וואס קען ח"ו אמאל שאדן טון פאר זיין קאנטוטשענס.

די צוקערלעך האבן זיך דערשראקענערהייט אומגעקערט צום זאלץ הויפטקווארטיר, און מיט שרעק אין די אויגן געמאלדן מיט אנגסט אז "עמכם אנו בצרה" מ'גייט פון אונז אויך לויז ווערן רח"ל. וואס טוט מען דא? אזא שרעקליכע גזירה!

יעצט האבן שוין אלע איינגעזען אז היזהאנער איז נישט סתם אזוי ארויסגעקומען מיט די גזירות נאר ער האט דערביי טיפערע כוונות, האבן זיך צוזאם גענומען די משפחות וואס האבן די מערסטע מורא געהאט פון די נאכפאלגענדע גזירות, משפחת צוקער, זאלץ, פעפער, אא"וו, און מ'האט געמאכט א גרויסן יום תפילה, אז דער "היזהאנער" זאל נישט קענען אויספירן זיינע גזירות קשות ורעות.

און דאן האט דער אויבערשטער געהאלפן און ביים עק שטאט האט זיך באוויזן א וועגעלע מיט א נייקומענדע משפחה וואס אלס פלעגן זיי קומען אויפן ווינטער אין לאנד אריין, און בדרך כלל האבן זיי זיך גוט פארשטאנען מיט די שכנים, אבער "היזהאנער" פלעגט אלס וועלן לויז ווערן פון זיי זייער שנעל, ווייל זיי האבן זעט אויס אים געשטערט מיט זיין טעגליכע אונטערהאלטונגען, דאס איז געווען משפחת "שניי" זיי פלעגן אנקומען און מ'פלעגט זיי

שיין אקאמעדירן, ביז היזהאנער פלעגט שיקן טרעקלעך און זיי צוזאם קלייבן און פארוואדפן, ביז עס איז גארנישט פון זיי געבליבן.

דאס יאר האט די משפחת "שניי" באשלאסן צו קומען מיט א גרויסן רעש, און מיטברענגען אסאך מיטגלידער פון דער משפחה, און אזוי האבן זיי זיך פארשפרייט אין שטאט און פארלאזירט די שטאט פאר אפאר טאג, נישט לאזנדיג קיין טפח אומצוגעדעקט און דא האט "היזהאנער" זיך איינגאנצן פארלוירן און ער האט נישט געקענט זיך באפאסן מיט אזא ריזיגן ציבור, און פאר אפאר טאג געליטן בושות און בזיונות פון אלע זיינע שרים און עבדים וועלכע האבן אים ריכטיג געפרעגט:

היזהאנער! זאלץ און צוקער איז דיין פראבלעם? און מיט אביסעלע שניי קענסטו דיך נישט ספראווען?

היזהאנער זייענדיג דער בעל גאוה וואס ער איז געווען האט ער געענטפערט מיט סארקיזם: אפילו מיט 10,000 שווארצע הוטן קען איך מיך ספראווען.... (דאס האט ער זיך באצויגן צום אידישן פאלק, וועלכע זענען שפעטער ארויף אויף זיין שווארצער ליסטע פון גזירות... ואכמ"ל)

דאס פאלק האט אבער געוואוסט אז ער רעדט פוסטע רייד, און אזוי האט זיך ארויסגעשטעלט אז ווילאנג די שניי זענען נישט אליינס געגאנגען האט ער נישט געוואוסט וויאזוי מיט זיי זיך אן עצה צו געבן... כן יאבדו כל אויביך ד'.

יעצט פארשטייסטו שוין וואס זאלץ האט מיט שניי? אדער איך זאל גיין ווייטער?

---

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

דריי קורצע שטיקלעך פון דריי פארשידענע אשכולות, און אין אלע דריי שפילט דער שניי א ראלע.

## ווייסע זאקן פון שניי

### קאווע טרינקער:

עפעס א רבי'לע דא אין בארא פארק. ער גייט אפיציעל מיט שווארצע שטרימפ, אבער יעצט זע איך אז זיין זאקן איז ווייס געווארן פון דעם שניי.
על כן קען מען אפשר מוסיף זיין צו דער רשימה.
פון דער אנדערער זייט הער איך, אין מאנסי איז א ווייסע-זאקן רבי'לע שמיציג געווארן, און גייט מיט שווארץ.

קאווע שטיבל • „וויפיל רבי'ס טראגן ווייסע זאקן אינדערווינטער?" • 8טן נאוועמבער 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2200-2.html

## וואס טוט דער שומרים טראק ביים שנײַ?

**שטילע אינגערמאן:**

וואס איז פשט אז ווען די וועטער מבינים זאגן אז ס'גייט זיין א שניי, שטייט שוין דער מעכדיגער שומרים טראק אויף 52 אין 13?

אפשר ווייס איך נישט וואס שומרים טוט אלץ, וויפיל איך ווייס האט שומרים גארנישט מיט קיין שניי,

שנית כל לאמער זאגן זיי האלטן זיך גוט מוט דעם שניי, שוין ארלעדיגט, וואס איז דער משוגעת אפזיצן דארט א וואך נאכן שניי?

די פארקינג איז גענוג געדרענגט ווען מ'קומט דאוונען אין שומר שבת אדער איבער בייסן אין די גלילות, סארא משוגעת איז דאס צו נעמען דריי ספאטסאלץ ווין ס'גייט אדער 'האט געשנייט? נאכדערצו היי יאר ווען ס'האלע אין איין שניי'ן זיצן זיי דארט אפאר וואכן,

עם איי מיסינג סאמטינג?

**רויטע וואנצעס:**

שומרים איז גרייט על כל שניי באל שלא תבא. כאפן די שקצים וואסווארפן שניי באל'ס אויף אידישע באסעס.

קאווע שטיבל • „זאכן וואס כ'וויל וויסן" • 18טן פעברואר 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/191-34.html

## אייז, וואסער און פארע

**שמערל:**

די איידיע אז וואסער -(און אזוי יעדער מין חומר) קען זיך געפונען אין דריי מצבים, אייז, ליקוואוד, און וועיפאר, איז א חידוש וואס רוב מענטשן אין רוב מקומות אין היסטאריע, האבן דאס נישט געזאלט וויסן.
פשוט ווייל שניי און אייז געפינט זיך נישט אין רוב פלעצער ווי מענטשן האבן היסטאריש געוואוינט.
דאס מאכט אביסל נענטער צום שכל, פארוואס די לעכערליכע טעאריע פון פיר חומרים - אש רוח מים און עפר, האט דאמינירט סייענס מערסטעטנסטייל פון איר היסטאריע.

קאווע שטיבל • „זאכן וואס כ'האב נישט געוואוסט ביז היינט" • 30סטן אפריל 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1743-11.html

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 2טן נאוועמבער, אין פריערדיגע יארן?

14
יאר צוריק
2012

## ניו יארק סיטי מאראטאן

**שעפטל** • קאווע שטיבל • אידישע און אלגעמיינע נייעס • 2טן נאוועמבער 2012

א פאר טעג נאך דעם שטורעם „סענדי“ זענען גאנצע געגנטער אין ניו יארק נאך געווען אן עלעקטרי. דעם זעלבן נאכמיטאג האט דער מעיאר אפגערופן דעם מאראטאן.

קומענדיגע זינטאג קומט פאר דער יערליכער ניו יארק סיטי מאראטאן.
חוץ דער קריטיק וואס לאקאלע איינוואוינער האבן אסאך מאל דערויף א יעדעס יאר - פאלאזירונג די גאסן יערליך איז צוגעקומען היי יאר א פרישער שטורעם דערצו
די שטאט איז אין כאאס, הונדערטע טויזענטער איינוואוינער אן קיין לעקטער, די הילף פון די סטעיט אדער פעדעראלע גאווערמענט קומט נישט אן אין ערגעץ אין די שטארק עפעקטירטע פלעצער, אבער דער מעיאר קוקט עס אן אנדערשט!
דער מעיאר בלומבערג האט געמאלדן אז טראץ אלע פראבלעמען וועלן די לויפערס ווייטער לויפן.

ערגער פון אלעם איז אז צוויי מעכטיגע דזשענערעיטארס ארבייטן יעצט אין סענטראל פארק פאר די מידיע טענט-שאטער פארן זינטיגן געלויף. און א דריטע איז דארט פאר בעקאפ אין קעיס איינס גייט שלאפן.

די דזשענעראטן וואלטן געווען גוט אז אריבער 400 הייזער וואלטן געהאט לעקטער קראפט און וואלט ווען רואיג געקענט געניצט ווערן אין סטעטן איילענד צו דאונטאון מאנהעטען, צו אין די ראקעווייס.

מער ווי דעם, היינט צופרי זענען 11 דזשענערעיטארס געווען אינדרויסן די פארק. און א טראק האט אראפגעלייגט אפאר הונדערט קעיסעס פון וואסער וואס וואלט ווען געווען א ישועה אז מ'קען עס שיקן פאר מענטשן וואס ברויכן עס עכט!
פון דער אנדערער זייט שרייען געוויסע, אז דער מאראטאן ברענגט אריבער 300 מיליאן דאללער פאר דער סיטי, און יעצט איז א צייט וואס די סיטי דארף עס גאר שטארק

אזוי צו אזוי, די אידן אין וויליאמסבורג וועלן אי"ה מסתמה באלד זען די יערליכע רויטע צעטלעך אז מ'טאר נישט ארויסקוקן און זעכער זיך נישט אפשטעלן וועלן די ערלים לויפן אריבער..

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2273.html

## וואו געפינט זיך נח'ס תיבה?

**שמעלקאַ'לע** • קאַווע שטיבל • היסטאָריע • 2טן נאָוועמבער 2016

אין דער וואכעדיגער פרשה רעדט די תורה הק' ארום איבער דער גרויסער תיבה וואס נח האט אויפגעשטעלט און דערמיט געראטעוועט זיך מיט אלע בעלי חיים, פונעם ביטערן מבול וואס האט פארשוועמט די וועלט. אז מ'קוקט אין די פסוקים זעט מען ווי די ריזיגע תיבה האט זיך אפגעשטעלט אין די הרי אררט און איז דארט פארבליבן. שטעלט זיך די שאלה: ווייסט מען וואו די תיבה איז היינט צוטאג'ס? האט מען דאס אפירגעברענגט במשך די דורות? וואס זאגן דערויף אויספארשער און ארכעאלאגן? אט דאס ווערט געוואר אין די קומענדיגע שורות.

וואס דארף מען וויסן ביים זוכן?

אויב לאזט מען זיך ארויס זוכן די תיבה, דארף מען וויסן וואס דאס איז און וויאזוי עס זעט אויס. אין די פסוקים ווערט דאס פונקטליך געשילדערט: 300 אמות די לענג, 50 די ברייט, און 30 די הייעך. די תיבה האט דריי שטאקן, די אויבערשטע איז געווען א וואוינונג פאר מענטשן, די מיטלסטע פאר חיות, און די אינטערשטע פאר מיסט.

א סימן אויב דאס איז טאקע די ארגינעלע תיבה אדער נישט איז, אז עס האט אין דעם מיטלסטן שטאק שטיבעלעך, אזויווי די תוה"ק זאגט קינים תעשה לתיבה, און עס האט אויך פארמאגט א פענסטער וואס די תורה רופט "צהר" (לויט איין פשט אין חז"ל), און א טיר ביים זייט און צוגעדעקט מיט א צודעק. די כעמיקאלן וואס דארף געפינען ווערן איז "זפת", די פעך מיט וואס עס איז געווען צוגעדעקט פונדערויסן, און דער דאך איז שפיציג מיט איין גלאטע אמה פון אויבן.

ווי די תורה הק' דערציילט אונז, האט די תיבה געלאנדעט אויף די הרי אררט און פון דארט ענדיגט זיך די געשיכטע מיט דער תיבה.

די אררט בערג

באוואפנט מיט דער אינפארמאציע, האבן זיך פארשער ארויסגעלאזט אויף א געיעג אפירצוברענגען די תיבה. לכאורה איז עס געגליבן אויפן אררט בארג, און מ'דארף נאכגיין וואו די אררט איז, אויב די תיבה ליגט דארט. און ווען מיר שרייבן איבער אויספארשער מיינען מיר נאך פון עטליכע טויזענט יאר צוריק.

קודם כל, וואו איז די אררט בערג? ווי מ'ווייסט היינט איז דער אררט בארג א וואלקאן – בארג אין צפון מזרח טערקיי, און גרעניצט זיך מיט ארמעניע און איראן. אבער צי איז דאס טאקע די הר אררט פון וואס די תורה רעדט? ווער ווייסט? מיט דעם אלעם האבן פארשער און ארכיאלאגן אייביג געהאלטן אן אויג אויף דעם בארג, אין פאל מ'וויל אפירברענגען די תיבה.

מ'נעמט העלצער אויף די קורדישע בערג

נאך אין די אלטע טעג האט מען געזוכט און געגישטערט נאך עפעס איבערבלייבענישן פון דער תיבה. דער בבלי'שער היסטאריקער בארסוס (וואס האט געלעבט אין די צייטן פון אלכסנדר מוקדון), שרייבט אז מ'שמועסט איבער דעם ברוכווארג פון דער תיבה אז זי געפינט זיך אין לאנד ארמעניע אויף די קורדישע בערג, און מענטשן וואס האבן קרענק אדער עפעס בייזן, נעמען פון דארט העלצער און דאס איז א וואונדערבארע סגולה פאר אלע פראבלעמען.

דער בארימטער אידישער שרייבער יוסף בן מתתיהו – אדער בעסער בארימט אלץ יוסיפון – ציטירט אויך (אין קדמוניות היהודים, פרק א', ג', ו') פון אסאך שרייבער'ס איבער דעם. ער שרייבט נאכמער, אז ווער עס וויל גייט אהין און מ'צייגט אים וואו גענוי עס געפינט זיך די שיריים פון דער תיבה.

אויב איז דאס ריכטיג, און מ'האט ווירקליך געוואוסט וואו די תיבה געפינט זיך, שטימט דאס מיט וואס חז"ל דערציילן אונז איבער פארשידענע מענטשן וואס האבן גענומען העלצער פון דער תיבה, צווישן זיי סנחריב וואס האט זיך

באגעגנט מיט דער תיבה ביי זיינע מסעות (סנהדרין צ"ו ע"א) און המן הרשע וואס האט געגומען א ברעט פון דער תיבה צו אויפהענגען מרדכי הצדיק דערויף, און האט אין ענדע אליין דארט געהאנגען (ילקוט שמעוני, בשלח, רנ"ו).

[פארקירצט]

איז די תיבה אין טערקיי?

איינע פון די גרעסטע זוכער'ס נאך דער תיבה איז געווען דער ארכיאלאג מיטן נאמען ראון וויאט, וואס האט נאכגעפארשט נאך יעדע שטיקל אנטיק וואס ווערט דערמאנט אין דעם תנ"ך. אין יאר תש"כ האט ער באגעגנט אין דער צייטונג "לייף מאגאזין" א בילד פון א סטרוקטור וועלכע ענדלט צו א שיף, און ליגט צופיסנ'ס פונעם א בארג אין טערקיי וואס ער האט גע'טענה'ט אז דאס איז דער אררט בארג, און דאס האט אים געברענגט צו אויפזוכן די תיבה.

[פארקירצט]

(למעשה איז געווארן אן אנלויף פון ארכיאלאגן, היסטאריקער און געאלאגן, און נאכן שטודירן די סטרוקטור האבן די געאלאגן איינגעמאלדן פאר ראון וויאט אז דאס איז נישט מער ווי א ריזיגער נאטורליכער פעלזנשטיין, וואס האט נישט קיין שום פארבינדונג מיט תיבת נח. (געאלאגן זענען ערד–וויסנשאפטלער וואס פארשן נאטורליכע ערדישע זאכן, ווי שטיינער און היילן וכדומה).

אנדערע האבן זיך אנגענומען אויפן ארכיאלאג און געקומען מיט סאטעליט בילדער וואס ווייזן אז ס'נישט אבי א שטיין, און מ'האט אפילו אראפגעשיקט דעלעגאציעס מיט פארשער זאלן אויפווייזן אז ס'איז טאקע נח'ס תיבה, אבער די חברה זענען קיינמאל נישט צוריק מיט עפעס זאכליכע באווייזן.

די פרישע ווידיאו זעקס יאר צוריק

אין יאר תש"ע איז ערשינען א ווידיאו פון א גרופע 15 קריסטליכע ארכיאלאגן, פון דער ארגאניזאציע "עג. עי. עם. איי." וואס האבן דארט געוויזן וויאזוי זיי האבן אנטפלעקט א גרויסן האלצערנעם געבוי אויפן אררט בארג, אין דער הייעך פון 4200 מעטער! די געביידע פארמאגט אסאך שטיבעלעך און מ'זעט קלאר ווי ס'איז געהאקט און געבויט געווארן מיט מענטשליכע הענט.

אויפן ווידיאו באשטעטיגט א פארשער אז נאכן אונטערזוכן דאס האלץ אין א לאבארטאריע זעט מען אז ס'איז אלט 4,800 יאר, דאס איז טאקע ווען נח האט געבויט די תיבה. די פארשער זאגן דארט אז עס מוז זיין די תיבה פון נח, ווייל מ'האט נישט געטראפן אין דער גאנצער געגנט דארט אויפ'ן בארג א סימן פון איינוואוינער ווי מ'טרעפט געוועגליך.

נאך א זאך זאגן זיי, אז עס איז נישט מעגליך אז מ'האט דארט געוואוינט, ווייל אין דער אטמאספער וואס איז אזוי הויעך דארט איז נישט מעגליך צו וואוינען. און אז די ברעטער זענען צו גרויס און מ'וואלט דאס קיינמאל נישט געקענט ארויפשלעפן ביז אהין, נאר דאס מוז זיין די תיבה – וואס האט געלאנדעט פון אויבן אויפן בארג.

למעשה האבן אבער די וויסנשאפטלער און פארשער נישט ארויסגעגעבן גענוי וואו די "תיבה" איז, מיטן אויסרייד אז מ'וועט דאס פליינדערן און שעדיגן. היות מ'ווייסט נישט וואו דאס איז און די גרויסע וועלט האט נישט קיין צוטריט עס צו אונטערזוכן, ווייסט מען אלזא נישט ווי אויטענטיש דאס איז... און מ'ווייסט אויך נישט מיט א קלארקייט וואו די תיבת נח האט זיך טאקע באהאלטן.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11049.html

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אינעם שמועס „ווינטער צי זומער?" האט „מומחה" געברענגט די חכמה פון כעלעם:

> ווי פלעגט מען זאגן אין כעלם, אז פארוואס איז זומער אזוי הייס? דאס איז ווייל א גאנצע ווינטער האט מען געהייצט די אויוועס און די רויער און היץ מאכט אז זומער זאל זיין אזוי הייס.
> טאקע דערפאר איז ווינטער קאלט וויבאלד זומער האט מען דאך נישט אנגעהייצט די אויוועס...

**מומחה** • קאוועשטיבל • 15טן אקטאבער 2012

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2063.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **פעליעטאן** | „דער ערשטער שניי“ · **נאטורליך גערעדט**<br>די ערשטע חסידישע בלאגס · נאטורליך גערעדט · אשכול „מיט א געהויבענע שטימונג טיען מיר אויפנעמען דעם אייז קאלטען ג...“ · 16טן פעברואר 2007<br>https://ershteblogs.sites.tab.bot/natirlich/2007/02/1.html |
| **וויסנשאפט** | „עס דרייט זיך א וועלט“ · **דיכטער, מתתיהו, ים של שלום**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „עס דרייט זיך א וועלט - אסטראנאמיע“ · 10טן – 16טן יאנואר 2024<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16802.html |
| **איבערלעבונגען** | „בין חיים למוות“ · **jewboy**<br>היידפארק · חדשות אנ"ש אין בילדער · אשכול „בין חיים למוות“ · 13טן – 14טן יאנואר 2004<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/764477.html |
| **היסטאריע** | „דאס לעבן פון אמאל“ · **דולה ומשקה**<br>קאווע שטיבל · היסטאריע · אשכול „דאס שווערע/געשמאקע לעבן פון אמאל“ · 7טן יוני 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10599.html |
| **א שמועס פון דער וואך** | „וואס איז בעסער, ווינטער צי זומער?“ · **שמעקעדיג, זר זהב, zurich און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · געזעלשאפט · אשכול „וואס איז בעסער, ווינטער צו זומער?“ · 13טן אקטאבער 2012 – 27סטן נאוועמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2063.html |
| **קולטור • פאעזיע** | „„אל הציפור“ אויף אידיש“ · **מאטי**<br>קאווע שטיבל · פאעזיע · אשכול „אל הציפור (חיים נחמן ביאליק)“ · 4טן – 5טן אויגוסט 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10780.html |
| **הומאר** | „זאלץ אויף שניי“ · **זאלצוואסער**<br>זאלצוואסער · בלאג · אשכול „זאלץ אויף שניי“ · 8טן נאוועמבער 2012<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/44.html |
| **היינט מיט 14 יאר צוריק** | „ניו יארק סיטי מאראטאן“ · **שעפטל** · קאווע שטיבל · אידישע און אלגעמיינע נייעס · 2טן נאוועמבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2273.html |
| **היינט מיט 10 יאר צוריק** | „וואו געפינט זיך נח'ס תיבה?“ · **שמעלקא'לע** · קאווע שטיבל · היסטאריע · 2טן נאוועמבער 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11049.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „ווייסע זאכן פון שניי“ · **קאווע טרינקער** · קאווע שטיבל · „וויפיל רבי'ס טראגן ווייסע זאכן אינדערוואכן?“ · 8טן נאוועמבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2200-2.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „וואס טוט דער שומרים טראק ביים שניי?“ · **שטילע אינגערמאן / רויטע וואנצעס** · קאווע שטיבל · „זאכן וואס כ'וויל וויסן“ · 18טן פעברואר 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/191-34.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „אייז, וואסער און פארע“ · **שמערל** · קאווע שטיבל · „זאכן וואס כ'האב נישט געוואוסט ביז היינט“ · 30סטן אפריל 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1743-11.html |
| **די תגובה פון דער וואך** | **מומחה** · קאווע שטיבל · 15טן אקטאבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2063.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** דאנערשטאג, דעם 5טן נאוועמבער – נומער 5, אויף פרשת חיי שרה. מאנטאג, דעם 9טן נאוועמבער – נומער 6.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.